# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך געטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## רַבּוֹתַי! דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אוּנְז

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט מַמָּשׁ אַפָּאר טֶעג פַאר חֹדֶשׁ אֱלוּל, דֶער חֹדֶשׁ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן חֹדֶשׁ הָרַחֲמִים וְהַסְּלִיחוֹת, וֶוען עֶס אִיז "יָדוֹ פְּתוּחָה לְקַבֵּל שָׁבִים" דֶער הַאנְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט פַאר אַלֶע וָואס ווִילְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים.

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (הל' עדות ה"ה) אַז חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז משֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיף אִין הִימְל אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי לוּחוֹת שְׁנִיּוֹת, הָאט עֶר דָאן גֶעמַאכְט אַ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

קִינְדֶער אִיךְ ווִיל אַייךְ פְּרֶעגְן: "וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע?" דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא זָאגְט אַז דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרָע, אִיז אֵיין שְׁטִיק לִיגְנְט מִיט פַאלְטְשְׁקֵייט. קוֹדֶם רֶעדְט עֶר אַיין צוּ טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן וֶוען דֶער אִיד ווִיל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, זָאגְט אִים דֶער יֵצֶר הָרָע: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן! אַזַא נִידְרִיגֶער בַּעַל עֲבֵרָה ווִי דוּ בִּיסְט, נֵיין, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן זָאגְן אוּנְז אַז עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט. יֶעדֶער אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב אִין וֶועלְכֶע פְּלַאץ עֶר אִיז נֶעבֶּער אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דָאס דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה מִיט אַלֶע צַדִּיקִים נָאךְ אִים הָאבְּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַמְשִׁיךְ פַאר אוּנְז דִי וֶועג יֶעדֶעס יָאר פוּן דָאסְנֵיי, אוּן מֶען דַארְף דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען פַאר זִיךְ, אוּן חֲזֶר'ן אוּן אוֹיסְרוּפְן פַאר דִי חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע. "רַבּוֹתַי! דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אוּנְז, מִיט יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער אֲפִילוּ אוֹיב אַ אִיד מֵיינְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער בַּעַל עֲבֵרָה, דָארְט אִין זַיין פִינְסְטֶערֶע מַצָּב, זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא פַאר אִים אַ וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

וֶוען יֶעדֶעס אִינְגַל וֶועט דָאס גֶעדֶענְקֶען אוּן גְלֵייבְּן נִישְׁט נָאר אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל, זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶר גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן תְּשׁוּבָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז וֶוער ס'קֶען זָאגְן תְּהִלִּים אִין דִי חֲדָשִׁים פוּן אֱלוּל - תִּשְׁרֵי אִיז דָאס גֶעוואלְדִיג, מֶען קֶען זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶער נַחַת רוּחַ אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס טוּט זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם אוֹיבְן אִין הִימְל.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט זָאלְן שׁוֹין ווִיסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט בַּיי דִי תְּפִלּוֹת יָמִים נוֹרָאִים וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יָצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ, וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה, בִּפְרָט אִין דִי טֶעג וֶועג טוֹיזְנְטֶער אִידְן בֶּענְקְן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אוּן ווִילְן צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, דַארְפְן אַייךְ טַייֶערֶע קִינְדֶערְלֶעךְ ווִיסְן דִי כּוֹחוֹת וָואס אִיר פַארְמָאגְט מִיט עֶנְקֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס קוּמְט אַרוֹיס מִיט תְּמִימוּת אוּן רֵיינְקֵייט דָאס וֶועט זִיכֶער עֹשֶׂה רוֹשֶׁם זַיין צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אֱמֶת'ע גְּאוּלָה בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

# איין אשה'לע



## לִיבּ הָאבְּן תּוֹרָה

אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אַז אוֹיבּ מֶען מַאכְט פְּרֵיילִיךְ אַ טַאטֶע הָאט מֶען חֵשֶׁק אוּן אַהֲבָה צוּ לֶערְנֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אַ מַצָּב וָואס אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְּמָרָא, אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין, הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוְונְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַן עֵצָה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי עֵצָה פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת. הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט פְּרֵיילִיךְ מַיין טַאטֶע אוּן טַאקֶע וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, דִי גַאנְצֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְּמָרָא!

יַעַנְקִי

מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דִי לָשׁוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין עֶרֶךְ לִמּוּד: **א. מִי שֶׁעוֹשֶׂה תַּעֲנוּג לְאָב וּמְשַׂמֵּחַ אוֹתוֹ, עַל-יְדֵי זֶה יִהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק וְאַהֲבָה לִלְמֹד.**

## וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא

פַאר אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע בּוֹיךְ-וֵוייטָאג אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין חֶדֶר פַאר אַפָּאר טֶעג. וֶוען פְּרֵייטָאג הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזָארְגְט ווי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען ווי אַלֶעמָאל הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ לְכָבוֹד-שַׁבָּת? אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם פְרֵייטָאג אִיז דִי וֵוייטָאגְן שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן אַזוֹי אַז אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אָן זִיךְ צוּפִיל אָנְשְׁטְרֶענְגֶען.

אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן שְׁטַארְקֶע קָאפּ-וֵוייטָאג נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אַלֶעס אָפְּלָאזְן אוּן זִיךְ לֵייגְן אִין בֶּעט, וַוארְטְן בִּיז עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין. אִיךְ הָאבּ גַאנְץ אָפְּט אַזֶעלְכֶע שְׁמֶערְצְן-אַטַאקֶעס אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶס אַוֶועק בִּיז 10-15 מִינוּט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וֵוייטָאגְלִיךְ אָבֶּער דָאס מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט עֶפֶּעס וָואס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ. אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אָן זִיךְ בַּאוֶועגְן, פַארְמַאכְט מַיינֶע אוֹיגְן, כְ'הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז נָאר אֵיינֶער קֶען הֶעלְפְן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער!

שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבּ אִיךְ גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט אַ תְּפִלָּה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק צוּ צוּ מַיין צַעַר, אִיךְ נֶעם אָן מַיינֶע יִסּוּרִים בְּאַהֲבָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ טְרָאץ מַיינֶע וֵוייטָאגְן, אָבֶּער טַאטֶע אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, מַאךְ אַ נֵס עֶס זָאל מִיר אַוֶועקְגֵיין".

עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער דִי וֵוייטָאגְן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן מִיט זֵייעֶר עַקְשָׁנוּת, כְ'הָאבּ זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט... מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען אַז מֶען הֶערְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע תְּפִלּוֹת. אָבֶּער... דִי יְשׁוּעָה אִיז גֶעקוּמֶען אוּמְגֶעְרַאכְטְן וֶוען מַיין מַאמֶע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ וִויל טְרִינְקֶען וַואסֶער, מִיט בִּיטֶערְנִישׁ הָאבּ אִיךְ גֶעשָׁאקְלְט מַיין קָאפּ אוֹיף יָא וָואס שְׁטֶערְט מִיר צוּ טְרִינְקֶען?

"שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ" הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה, אוּן אוֹיסְגֶעטְרִינְקֶען אוּן בִּיז עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין זֵכֶר פוּן דִי שְׁמֶערְצְן! יָא, דִי יְשׁוּעָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן כְ'הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ דֶערְלַייכְטֶערוּנְג אוּן זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען גְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער נֵס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן מַיינֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן אוֹיסְגֶעוַוארְט דִי יְשׁוּעָה.




*אין קורצן פון פריער:*

***רבי נתן מיט זיין חבר, רבי נפתלי קומען אפט צום רבי'ן קיין ברסלב. זיי האבן מער נישט קיין מניעות פון זייער משפחה וועלכע האבן שוין שלום געמאכט מיט זיי, אבער אצינד איז זיי אונטערגעקומען א נייע מניעה: יעדעס מאל זיי קומען צום רבי'ן, ווייזט דער רבי ארויס אומצופרידקייט, אבער זיי זענען זיך מתגבר אויף די מניעה און זיי קומען ווייטער צום רבי'ן.***

אצינד ליינט ווייטער:

דער הייליגער יום טוב שבועות, האט רבי נתן געפראוועט אין ברסלב ביים רבי'ן און נאך יום טוב איז ער אהיימגעפארן, אבער אכט טעג שפעטער האט אים שוין ווידער אנגעכאפט א ברענעדיגע רצון צו זיין ביים רבי'ן. ער האט זייער געוואלט פארן קיין ברסלב, אבער ער האט מורא געהאט אז דער רבי וועט זיין אומצופרידן פון אים.

רבי נתן טראכט א תירוץ וואס ער זאל קענען ענטפערן פאר'ן רבי'ן. ס'איז אים איינגעפאלן א געדאנק:

חודש אדר תקס"ה האט דער רבי באפוילן פאר רבי נתן ער זאל איבערשרייבן זיינע תורות צו זיין גרייט צום דרוק. רבי נתן האט פלייסיג געארבעט אינאיינעם מיט רבי נפתלי און ערב שבועות איז עס געווארן גרייט צו דרוקן. דער רבי האט אים באפוילן אז ער זאל נישט בינדן די ספרים אין נעמירוב, וואו דער רבי האט געהאט פיל מתנגדים נאר ער זאל דאס בינדן אין ברסלב. בעצם, האט רבי נתן שוין געוואלט דאס ערלעדיגן פאר שבועות, נאר ס'האט זיך אים נישט אויסגעשטעלט, אצינד האט ער זיך באקלערט אז ער וועט פארן קיין ברסלב כדי צו געבן צו בינדן די ספרים פון רבי'נס תורות. דאס וועט שוין זיין א גוטן תירוץ און אז ער וועט שוין זיין אין ברסלב, וועט ער קענען צוגיין צום רבי'ן צו רעדן מיט אים.

אומר ועושה, רבי נתן האט טאקע אזוי געטון. ער האט זיך ארויסגעלאזט קיין ברסלב פרייטאג פארטאגס פרשת שלח און איז אנגעקומען אין די פרימארגן שעות. ער האט מורא געהאט אריינצוגיין צום רבי'ן נעמען שלום, אבער פונקט איז דער רבי ארויסגעקומען פון צימער און האט געטראפן רבי נתן. דער רבי האט אים געפרעגט פארוואס ער איז געקומען? רבי נתן האט דערציילט אז ער איז געקומען זיך אומקוקן אויף די ארבעט פון די בינדעריי פון די ספרים. דער רבי האט אים דאן צוריקגעפרעגט, "צוליב דעם האסטו געדארפט קומען קיין ברסלב?"

רבי נתן האט געשוויגן, צוליב יראת הכבוד צום רבי'ן.

רבי נתן איז געגאנגען צום בינדער, מיט'ן פלאן

צו זיין דארט דורכאויס דעם גאנצן טאג, כדי צו האלטן א וואכזאם אויג אויף די ארבעטער. דער רבי האט אים געהאט אנגעזאגט נישט צו לאזן פרעמדע מענטשן זען זיינע תורות.

מיטאמאל איז אריינגעקומען צום בינדעריי א שליח פון רבי'ן צו זאגן פאר רבי נתן אז איז געשטעלט געווארן פון רבי'ן צו איבערנעמען די ארבעט פון אכטונג געבן אויף די ספרים, און רבי נתן זאל גיין צום רבי'ן.

רבי נתן איז געלאפן צום רבי'ן. ער האט אים געטראפן זיצן אין זיין קליינעם צימערל אין זייט פון ביהמ"ד. דער רבי איז געזעסן אויף זיין בעט און פארפירט מיט רבי נתן א לענגערע שמועס. בשעת די שמועס, האט דער רבי ארויסגעוויזן פאר רבי נתן פיל ווארעמקייט און ליבליכקייט. דער רבי האט גערעדט צו רבי נתן ווארימע חיזוק און טרייסט ווערטער כדי אים צו אויפלעבן און פריילך מאכן.

צווישן אנדערע, האט דער רבי דאן ארומגערעדט, ווי שווער עס איז צו זיין א מנהיג – וויפיל ער ליידט דערפון וואס ער דארף טראגן די לאסט פון א מנהיג אויף זיינע פלייצעס. דער רבי האט זיך אויסגעדריקט, "אייך דוכט זיך אז דאס איינבינדן דעם ספר איז נישט עפעס א ספעציעלע גרויסע זאך, אבער אין אמת'ן, וויפיל וועלטן זענען אנגעהאנגען אין דאס איינבינדן דעם ספר!"

דער תיקון הכללי

אין יענע תקופה האט דער רבי אנגעהויבן צו אנטפלעקן די געוואלדיגע סוד פון דעם תיקון הכללי. דער רבי האט דאן ערקלערט, אז צו זאגן צען קאפיטלען תהלים, איז א תיקון אויף א געוואלדיגע פגם. ביי דעם פונקט האט דער רבי נאכנישט אנטפלעקט וועלכע צען קאפיטלען דאס זענען, ער האט נאר געזאגט אז די צען קאפיטלען דארפן ענטהאלטן אלע סארט געזאנגען פון וואס דער ספר תהלים איז צאמגעשטעלט.

(פינף יאר שפעטער, אין יאר תק"ע האט דער רבי מגלה געווען וועלכע צען קאפיטלען צו זאגן.)

בעצם האט שוין דער רבי געהאט גערעדט פון דעם ענין אין א תורה, אבער רבי נתן איז נישט דארט געווען. יעצט, קומענדיג קיין ברסלב צום בינדער, האט רבי יוסקא, דעם רבי'נס איידעם, דערציילט פאר רבי נתן איבער דעם נייעם באגריף פון א "תיקון הכללי" וואס דער רבי האט ערוועהנט. שפעטער נאכמיטאג, זיצנדיג מיט'ן רבי'ן, האט דער רבי איבערגעזאגט דעם תורה מיט מער פרטים און דערנאך האט עס רבי נתן פארשריבן.

טייערע קינדער, יענעם דאנערשטאג־פרייטאג, ווען רבי נתן האט אנגעכאפט א געוואלדיגע רצון צו זיין ביים רבי'ן, איז געווען א גרויסער טאג! דאן האט רבי נתן זוכה געווען צו הערן פון הייליגן רבי'ן איבער דעם ענין פון עשרה מזמורים – באוואוסט היינט אלס דער תיקון הכללי דעם טייערן אוצר וואס מיר האבן באקומען פון רבי'ן במתנה!

דער רבי איז ווייטער געזעסן מיט רבי נתן און געשמועסט פון פארשידענע ענינים א גאנצן נאכמיטאג. דער רבי האט זיך גארנישט אראפגעלייגט פאר א דרימל, אנדערש ווי זיין שטייגער.

אין מקוה איז ער ערשט געגאנגען נאנט צום זמן, כאטש וואס שטענדיג האט ער זיך נוהג געווען צו גיין ערב שבת ביי חצות.

פארזעצונג קומט אי"ה

# דָאס יָאר וֶועלְן אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער שֶׁענְקֶען אַ מַתָּנָה פַאְרן רֶבִּי'ן!




## יָא!

קֶענְסְט זִיךְ נָאךְ מִיטְכַאפְּן מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן שׁוֹין
אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען לְפָחוֹת אֵיין סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן
בִּיז חַ"י תִּשְׁרֵי - דֶעם רֶבִּי'נְס יָארְצַייט.

דער רבי האט געזאגט: "ביי מיר איז דער עיקר ראש השנה, גלייך ווען עס גייט אריבער ראש השנה בייג איך צו מיין אויער און איך הער אויב מען קלאפט אויפן וואנט צו אויפוועקן צו סליחות צום קומענדיגן יאר, ווייל עס איז נישט דא קיין שום צייט, ווייל דאס גאנצע יאר לויפט אריבער ווי אן אויגן בליק".

# א דרך פון
# רבי נתן

ר׳ חַיִים סְטָאלֶער דֶער פָּשׁוּטֶ׳ער אִידְל שְׁטֵייט אִין זַיין סְטָאלֶערַיי, עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן צַאמְשְׁטֶעלְן שַׁאפְּעס מִיט טִישְׁן אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע שֵׁיינֶע מֶעבְּל.

ר׳ חַיִים אַ פַייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן ר׳ נָתָן ווייסְט וְויאַזוֹי צוּ אוּיסְנִיצְן דִי צַייט, וֶוען עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן גְלַאט מַאכְן אוּן אוּיסְרַייבְּן דִי הָאלְץ גִיסְט עֶר זִיךְ אוּיס דָאס הַארְץ אוּן לָאזְט פַאלְן טְרֶערְן זִיךְ בֶּעטְנְדִיג דֶערְבַּיי בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הַאלְט דָא אִין הַאנְט אַ הָאלְצֶערְנֶע קְלָאץ אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט דָאס אוּיס בִּיז עֶס וֶוערְט אַ שֵׁיין שְׁטִיקְל מֶעבְּל. בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיךְ רֵיינִיגְן מַיין נְשָׁמָה מִיט מַיין הַארְץ עֶס זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַזוֹי שֵׁיין גְלַאט אוּן זוֹיבֶּער ווי דָאס הָאלְץ וָואס אִיךְ שַׁארְף אוּיס אַזוֹי שֵׁיין.

לַיידֶער הָאט ר׳ חַיִים נִישְׁט זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ זַיין בְּנֵי־בַּית אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ טַעֲנָה צוּ אִים: "אַלֶע חֲסִידִים גֵייעֶן זִיךְ וואוּנְטְשְׁן בַּיי ר׳ נָתָן אוּן דוּ וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ קִינְדֶער פַאר וָואס גֵייסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וואוּנְטְשְׁן בַּיי אִים?" הָאט ר׳ חַיִים אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ר׳ נָתָן ווייסְט דֶען נִישְׁט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער? וָואס הָאבּ אִיךְ אִים צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אַז דוּ ווילְסְט, גֵיי דוּ אוּן בֶּעט אִים אַ בְּרָכָה".

זִי אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן ר׳ נָתָנְ׳ס טִיר אוּן אוּיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוויין. ר׳ נָתָן גִיט



אַ פְּרֶעג: "וֶוער אִיז דָארְט?" זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אִיר ווייטָאג אוּן צַעַר, אַז עֶס אִיז שוֹין אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע יָאר אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער. הָאט ר׳ נָתָן אִיר גֶעזָאגְט: "גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן עֶר זָאל אַרֵיינֶעמֶען בַּיי זִיךְ צֶען גֶעסְט וָואס קוּמֶען צוּם קִבּוּץ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן. אִיךְ מֵיין נִישְׁט אִיר זָאלְט גֶעבְּן פִישׁ אוּן פְלֵייש, נָאר אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶ׳ע קוּלִיטְשׁ מִיט קָאוְונֶעס (חַלּוֹת מִיט רוֹיטֶע מֶעלָאן)".

הָאט דִי פְרוֹי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד: "זִיכֶער, אִיךְ נֶעם זִיךְ שוֹין אוּנְטֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען דִי גֶעסְט אוּן אַלֶעס בַּאזָארְגְן פַאר זֵיי".

ר׳ נָתָן זָאגְט אִיר: "גֵיי קוֹדֶם פְרֶעגְן דַיין מַאן". זִי אִיז טַאקֶע אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן פַארְצֵיילְט פַאר אִיר מַאן וָואס ר׳ נָתָן הָאט אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

הָאט זִיךְ ר׳ חַיִים אָנְגֶערוּפְן: "גֵיי צוּ ר׳ נָתָן אוּן זָאג אִים אַז אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבְּן פִישׁ אוּן פְלֵייש אוֹיךְ". זִי אִיז טַאקֶע צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ ר׳ נָתָן, אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי ווערְטֶער פוּן אִיר מַאן.

הָאט אִיר ר׳ נָתָן גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד, זָאלְט אִיר אַ נָאמֶען גֶעבְּן דָאס קִינְד, 'לֵוִי יִצְחָק' נָאכְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער רַב זַצַ"ל".

עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעווֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן

## עצות וואס ברענגען צו תשובה

**פון ספרי רבינו ותלמידו**



**אויף די ברייט**

- אמירות
- תורה
- הכנעה
- שמחה
- התבודדות
- שופר
- שבת
- קדושה
- כיסופין
- התקרבות לצדיקים
- אנעמען בזיונות באהבה

**אויף די הייך**

- תפלה
- בושה
- המתן
- ראש חודש
- צדקה
- כבוד פארן אויבערשטן
- משפט
- וידוי דברים
- תהילים
- התחזקות
- חרטה

גֶעוָוארְן אַ אִינְגֶעלֶע, מֶען הָאט דָאס קִינְד טַאקֶע אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן לֵוִי יִצְחָק. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאךְ אַ אִינְגֶעלֶע, הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן יִשְׂרָאֵל נָאכְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן דָאס אִיז דֶער בַּאוואוּסְטֶער ר׳ יִשְׂרָאֵל טְרָאוִויצֶער זַ״ל.

דֶער זוּן ר׳ לֵוִי יִצְחָק אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן פַאר בְּעֶרֶךְ הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, (תר״פ) זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים אוּן וֶוען ר׳ לֵוִי יִצְחָק פְלֶעגְט אַרוֹיפְגֵיין דוּכֶענֶען, פְלֶעגְט עֶר בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים מִיט גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן זִיסֶע שְׁטִימֶע.

שְׁפֶּעטֶער אִיז בַּיים ר׳ חַיִּים סְטָאלֶער אוֹיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ טָאכְטֶער וֶועלְכֶע הָאט אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ ר׳ שַׁבְּתַי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער.

# די תפילה פון צדיק

וָואס הָאט דֶען אַ שַׁייכוּת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין תְּפִילָה, מִיט לֶערְנֶען אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן צַדִיק? דָאס זֶענֶען דָאךְ צְוֵויי אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערֶע זַאכְן?

אַבְרָהָם הָאט אֲפִילוּ צוּגֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פַּארְשֶׁעמְט: "עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי אִיר הָאט נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ פַּארְשְׁטַאנֶען אוּנְזֶער כַּוָונָה..."

דֶער טַאטֶע הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט פַּאר דִי חֲבֵרִים: "אִיךְ הָאבּ פּוּנְקְטְלִיךְ פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיר מֵיינְט. דַאוֶוענֶען אַלֵיין אִיז טַאקֶע גָאר

המשך פון די לעצטע זייט

גְרוֹיס, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק, עֶר הֶערְט אִים אוֹיס אוּן פָאלְגְט זַיינֶע וֶוערְטֶער, הָאט דָאס דִי כּוֹח אִים אוֹיפְצוּהֵייבְּן צוּ גָאר הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי וֶועגְן פוּן דַאוֶוענֶען. וַוייל דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶועגְן, חִיבּוּרִים אוּן עִנְיָנִים, וָואס אוֹיבּ מִיר קְלֶעבְּן זִיךְ צוּ צוּ דֶעם, קֶען עֶר אוּנְז דֶערְמִיט מַאכְן פַּאר אֶמֶת'ע צַדִיקִים גְּמוּרִים! פּוּנְקְט וִוי דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט גֶענוּמֶען דִי גְרוּפֶּע וָואס הָאבְּן שׁוֹין סַייוֵוי גֶעדַאוֶוענְט, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוּן דֶערְהוֹיבֶּענֶע וֶועגְן."




# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: [אַז] סְ'זֶענֶען גֶעלֶעגְן דִי 'גִילְדֶענֶע [גָאלְדֶענֶע] הָאר' פוּן דֶעם 'קִינְד' אוּן אִיךְ הָאבּ פוּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען! אוּן אִיךְ הָאבּ [דֶערְפוּן] גֶעווּאוּסְט: "אַז דָא אִיז בְּוַודְאַי דָאס 'קִינְד'"!

נָאר סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען, אִים צוּ זוּכְן אוּן צוּ גֶעפוּנֶען! אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! בִּין אִיךְ פִירְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען], פַּאר אַ 'יַם פוּן וַויין'!

הָאבּ אִיךְ [דֶערְפוּן] גֶעווּאוּסְט: "אַז דֶער [דָאזִיגֶער] 'יַם', אִיז בְּוַודְאַי גֶעוָוארְן פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם 'מֵלִיץ', וָואס עֶר שְׁטֵייט אוּן רֶעדְט 'תַּנְחוּמִין' (דְהַיְינוּ: טְרֵייסְט), פַּאר דֶעם 'מֶלֶךְ' אוּן דִי 'מַלְכָּה' – אוּן דֶערְנָאךְ קֶערְט עֶר אוּם [דְרֵייט עֶר זִיךְ אוֹיס] דָאס פָּנִים, אוּן רֶעדְט 'תַּנְחוּמִין' [טְרֵייסְט וֶוערְטֶער] צוּ דֶער 'בַּת־מַלְכָּה'! אוּן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] רֵייד, אִיז גֶעוָוארְן דֶער 'יַם פוּן וַויין'! .

נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפוּנֶען! אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: סְ'שְׁטֵייט אַ 'שְׁטֵיין', וָואס אוֹיף אִים אִיז אוֹיסְגֶעקְרִיצְט [אַ בִּילְד]: אַזוֹי־וִוי דִי 'יַד' מִיט דִי 'שִׂירְטוּטִין'! (דְהַיְינוּ: אַזוֹי־וִוי דִי 'יַד' מִיט אַלֶע 'קְרִיצְן' וְכוּ', וָואס סְ'גֶעוֶוען בַּיים 'מֶלֶךְ', כַּנַ"ל)!

הָאבּ אִיךְ [דֶערְפוּן] פַּארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָא אִיז בְּוַודְאַי דֶער 'חָכָם' (פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ')! – אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט זִיךְ דָאס אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דָאס 'גֶעשְׁטַאלְט' פוּן דֶער 'יַד' אוֹיף דֶעם 'שְׁטֵיין'"!

נָאר סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען אִים צוּ גֶעפוּנֶען! אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען! הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: "וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען

אויסגעשטעלט אויף אַ 'בַּארג', די 'גילדענע [גָאלְדֶענֶע] טִישְׁלֶעךְ', און די 'קְרִידֶענְצְן',

און די 'אִיבְּרִיגֶע אוֹצְרוֹת' פון דֶעם 'מֶלֶךְ'"! הָאבּ אִיךְ פַּארְשְׁטַאנֶען [דֶערְפוּן]: "אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דֶער 'מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת' פון דֶעם 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס אִיז גֶעזֶעצְט אִיבֶּער אַלֶע 'אוֹצְרוֹת')"!

נָאר סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶועזן אִים צוּ גֶעפוּנֶען! (דָאס הָאט אַלְץ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' דֶערְצֵיילְט [פַּאר] דֶעם 'גִבּוֹר')!

עֶנְטְפֶערְט דֶער גִבּוֹר [פַּארְן 'בַּעַל־תְּפִילָה']: "אִיךְ בִּין אויךְ אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען], אִיבֶּער דִי [דָאזִיגֶע] 'אַלֶע עֶרְטֶער'! - און אִיךְ הָאבּ יָא גֶענוּמֶען פון דִי 'גִילְדֶענֶע [גָאלְדֶענֶע] הָאר' פון דֶעם 'קִינְד'! - וָוארְן אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען 'זִיבְּן הָאר', וָואס זֵיי הָאבְּן אַלֶע־עֶרְלֵיי 'פַּארְבְּן'! (זֶעה תִּקּוּנֵי־זֹהַר קכד.) - און זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר טַייעֶר!

און אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן - און [אִיךְ] הָאבּ מִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶועזן מִיט וָואס מֶעגְלִיךְ אִיז! מִיט 'גְרָאז', און דֶעסְטְגְלַייכְן! - בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם זַאךְ, זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין! הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעלָאזְט גֵיין, וואוּהִין אִיךְ וֶועל גֵיין! און אַז [וֶוען] אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פון דֶעם 'אָרְט' - הָאבּ אִיךְ פַּארְגֶעסְן מַיין 'בּוֹיגְן' דָארְט"!

עֶנְטְפֶערְט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' [פַּארְן 'גִבּוֹר']: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן דֶעם [דָאזִיגְן] 'בּוֹיגְן'! - הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט: אַז דָאס אִיז בְּוַודַּאי 'דַיין בּוֹיגְן'!

נָאר אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפוּנֶען"! הָאט דֶער גִבּוֹר וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט [פַּאר] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז וִוי [וֶוען] אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פון דֶעם 'אָרְט' - בִּין אִיךְ אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען, בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגְנְט דִי 'מַחֲנֶה' הַנַ"ל"! (דְהַיְינוּ: דִי 'שְׁאָר' [מַחֲנֶה] פון דִי 'גִבּוֹרִים' 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים' הַנַ"ל.)!

בִּין אִיךְ [און אִיךְ בִּין] צְוִוישְׁן זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען - וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג גֶעוֶועזן, הָאבּ אִיךְ [און אִיךְ הָאבּ] גֶעוָואלְט עֶסְן! און תֵּיכֶּף וִוי אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען צְוִוישְׁן זֵיי - הָאבְּן זֵיי מִיךְ תֵּיכֶּף אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ' [אִיבֶּער זֵיי], כַּנַ"ל!

און הַיינְט [יֶעצְט], גֵיי אִיךְ אָפְּנֶעמֶען [אַיינְנֶעמֶען] דִי וֶועלְט! און מַיין 'כַּוָונָה' [דֶערְפוּן] אִיז: "טָאמֶער [אֶפְשַׁר] וֶועל אִיךְ קֶענֶען גֶעפִינֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט דִי 'לַייט' [זַיינֶע] הַנַ"ל"!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶעם 'גִבּוֹר': "וָואס טוּט מֶען מִיט דִי [דָאזִיגֶע] 'לַייט', דְהַיְינוּ: מִיט דֶער 'מְדִינָה'?! - וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי [שְׁטַארְק] אַרַיינְגֶעפַאלְן, אִין דֶער 'תַּאֲוָה פון גֶעלְט' - בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אויף 'אַזוֹינֶע ווילְדֶע [מָאדְנֶע] נַארִישְׁקַייט': אַז דִי וָואס הָאבְּן 'אַסַאךְ גֶעלְט', זֶענֶען בַּיי זֵיי 'גָאטְן'! - און אַזוֹי [וַוייטֶער] דִי 'אִיבְּרִיגֶע נַארִישְׁקַייט' וָואס דִי [דָאזִיגֶע] 'מְדִינָה' הָאט"!

הָאט דֶער 'גִבּוֹר' גֶעעֶנְטְפֶערְט [פַּאר] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה: "אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פון דֶעם 'מֶלֶךְ': אַז פון אַלֶע 'תַּאֲוות', קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען, 'דֶעם' וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין זֵיי! - נָאר 'דֶער' וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶער [דָאזִיגֶער] 'תַּאֲוָה פון גֶעלְט', קֶען מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן בְּשׁוּם אוֹפֶן! בְּכֵן וֶועסְטוּ בַּיי זֵיי [זִיכֶער] גָארְנִישְׁט פּוֹעֶלְן! - וָוארְן סֶע [סְ'אִיז בִּכְלַל] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען זֵיי דֶערְפוּן!

נָאר: "דוּרְךְ דֶעם 'וֶועג' וָואס סְ'פַארְהַאנְדְן צוּ דֶער 'שְׁוֶוערְד' הַנַ"ל, וָואס פון דָארְט נֶעמְט עֶר זַיין 'גְבוּרָה' כַּנַ"ל - נָאר דוּרְךְ 'דֶעם וֶועג', קֶען

מֶען יָא אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶער 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט', 'דֶעם' וָואס עֶר אִיז דֶערִינֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן"!

(אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ')! אִיז [זֶענֶען] דֶער 'גִּבּוֹר' מִיט דֶעם 'בַּעַל-תְּפִילָה', אַוֶועקְגֶעזֶעצְן [אָפְּגֶעזִיצְן] אַ [שְׁטִיקְל] צַייט אִינְאֵיינֶעם!

אוּן מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן] דֶער 'מְדִינָה' הַנַ"ל, וָואס זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם 'בַּעַל-תְּפִילָה': אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין צוּ דֶעם 'גִּבּוֹר' פוּן [צוּלִיבּ] זֵייעֶרְט וֶועגְן, כַּנַ"ל ! – הָאבְּן זֵיי 'מַרְחִיב זְמַן' גֶעוֶוען!

דְהַיְינוּ: דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' הָאט אַיינְגֶעבֶּעטְן [גֶעפּוֹעלְט בַּיי] דֶעם 'גִבּוֹר': "אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן [צוּגֶעבְּן] אַ 'צַייט' – (דְהַיְינוּ: וָואס בִּיז אִין 'דֶער [דָאזִיגֶער] צַייט', זָאל עֶר זֵיי גָארְנִישְׁט טוּהְן)"!

הָאט עֶר זֵיי: "גֶעגֶעבְּן פְרֵיי [פַארְלֶענְגֶערְט] אַ [שְׁטִיקְל] 'צַייט'"! דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט 'סִימָנִים' צְווִישְׁן זִיךְ! דְהַיְינוּ: דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט 'סִימָנִים'! – כְּדֵי אֵיינֶער זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַ 'יְדִיעָה' פוּן דֶעם אַנְדֶערְן!

דֶערְנָאךְ, אִיז זִיךְ דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אִין זַיין 'וֶועג' אַרַיין! וִוי דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' אִיז אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען – הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: "אַז ס'גֵייעֶן מֶענְטְשְׁן, אוּן בֶּעטְן [פוּן] 'גָאט' בָּרוּךְ-הוּא, אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵל! – אוּן זֵיי טְרָאגְן 'סְפָרִים' פוּן 'תְּפִילוֹת'! הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁרָאקְן פַאר [פוּן] זֵיי! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַאר [פוּן] אִים אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקְן! הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵל זַיין! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵל זַיין! דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער זֶענְט אִיר"?! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי-וִוי] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער 'רוּחַ-סְעָרָה' [שְׁטוּרֶעם-ווִינְט] אִיז גֶעוֶוען, כַּנַ"ל – הָאט [הָאבְּן] זִיךְ דֶעמָאלְט דִי [מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] וֶועלְט, צוּטֵיילְט אוֹיף 'כַּמָּה כִּיתּוֹת' [אַסַאךְ גְרוּפֶּעס]! – 'דִי' [כִּיתָּה] הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן 'דָאס' אוּן 'דִי' [כִּיתָּה] הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן 'דָאס', (אַזוֹי-וִוי פְרִיעֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דִי אַלֶע 'כִּיתּוֹת')"!

'דֶעמָאלְט' הָאבְּן מִיר זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית', אִיז נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין תָּמִיד, אִין 'תְּפִילָה' צוּ 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרֵךְ'! הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעזוּכְט! – אוּן מִיר הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ 'בַּעַל-תְּפִילָה'! – אוּן מִיר הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ 'מֶלֶךְ'"! וִוי דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' הָאט דָאס דֶערְהֶערְט – אִיז דָאס אִים זֵייעֶר ווֹאוֹיל-גֶעפֶעלְן! – וָוארְן 'דָאס' ווִיל עֶר זִיךְ!

הָאט עֶר מִיט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן! – אוּן הָאט זֵיי גֶעווִיזְן [מְגַלֶּה גֶעוֶוען]: דֶעם 'סֵדֶר' פוּן זַיינֶע 'תְּפִילוֹת', אוּן זַיינֶע 'סְפָרִים' אוּן 'זַיינֶע זַאכְן' וָואס עֶר הָאט [פַארְפַאסְט] אוֹיף 'תְּפִילוֹת'! וִוי זֵיי הָאבְּן דֶערְהֶערְט זַיינֶע רֵייד – הָאבְּן זִיךְ זֵיי, דִי 'אוֹיגְן' גֶעעֶפְנְט! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] 'בַּעַל-תְּפִילָה'!

הָאבְּן זֵיי אִים תֵּיכֶּף גֶעמַאכְט פַאר אַ 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זִיךְ! – וָוארְן זֵייעֶר 'מֶלֶךְ', הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי 'מְלוּכָה'! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז 'זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן'"!

הָאט דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט! אוּן הָאט זֵיי גֶעעֶפְנְט [לִיכְטִיג גֶעמַאכְט] דִי אוֹיגְן! – אוּן הָאט זֵיי גֶעווִיזְן, ווִיאַזוֹי 'תְּפִילָה' צוּ טָאן צוּ 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרֵךְ'! – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט, פַאר 'זֵייעֶר-גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים גְּמוּרִים'! וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ פְרִיעֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען 'צַדִּיקִים' – וָוארְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין 'תְּפִילָה'! – לוּשְׁמִיר [נָאר] דֶער [דָאזִיגֶער] 'בַּעַל-תְּפִילָה', הָאט זֵיי גֶעעֶפְנְט [לִיכְטִיג גֶעמַאכְט] דִי אוֹיגְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן 'זֵייעֶר-גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים'!

נאמ: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה

**א. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דאס קינד איז ?**
- ❑ ער האט געזעהן די גאלדענע האר
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך
- ❑ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין קינד איז אויך דארטן

**ב. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער מליץ איז ?**
- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון דעם מליץ
- ❑ ער איז אריבער א ים פון וויין האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די רייד פון דעם מליץ
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער חכם איז ?**
- ❑ ער האט געזען די יד פונעם מלך
- ❑ ער האט געזעהן א שטיין וואס אויף דעם איז אויסגעקריצט די געשטאלט פון דעם יד
- ❑ ער האט נישט געוואוסט וואו דער חכם איז

**ד. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער ממונה על האוצרות איז ?**
- ❑ דורך די גאלדענע טישעלעך - קרידענצן – און די אוצרות פון מלך
- ❑ דורך די גאלדענע האר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וועלכע זאך פון גבור האט דער בעל תפילה געזען?**
- ❑ די שווערד
- ❑ די בויגן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער בעל תפלה געוויזן פאר די מענטשן?**
- ❑ מורא'דיגע מופתים
- ❑ די סדר פון זיינע תפלות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געהערט זיינע רייד?**
- ❑ זיי האבן נישט מקבל געווען זיין וועג
- ❑ זיי האבן אים באדאנקט און זיי זענען געגאנגען ווייטער זייער וועג
- ❑ זיי האבן אים געמאכט מלך איבער זיי

**ח. וואס האט דער בעל תפלה געמאכט פון זיי ?**
- ❑ עהרליכע אידן
- ❑ צדיקים
- ❑ זייער גרויסע צדיקים גמורים

ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**מיר האבן געלערנט די לעצטע צוויי וואכן אז דער בעל תפילה איז אריבער געגאנגען אויף אלע פלעצער פון די אנשי המלך**

**וויפל פלעצער פארציילט דער בעל תפילה אז ער איז אריבער דארט – און אויף וועמען פון די אנשי המלך זאגט נישט דער בעל תפילה אז ער איז אריבער דארט ?**

**ביי וועמען פירט אויס דער בעל תפילה אז ער האט נישט גיקענט זוֹכִין און צו גִיפִינֶען?**

**ביי וועמען פירט אויס דער בעל תפילה אז ער נישט גיקענט גִיפִינֶען?**

**וואו ווערט דערמאנט דא אין די מעשה דאס ווארט"תורה" ?**

תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (11)

וויפיל מאל ווערט דערמאנט ביי די מעשה די וואך דאס ווארט "גבור"? 20

וויפל מאל ווערט דערמאנט ביי די מעשה "בעלי איברים? פינף

צו ענטפערן די בחינות, רופט

646-585-3040 02-5-3333-72

# די תפילה פון צדיק

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּנֶעם גִּבּוֹר אוּן אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען זַיין וֶועג. אִינְמִיטְן גֵיין הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אוּן דַאוֶוענֶען מִיט תְּהִילִימְ׳לֶעךְ אִין דִי הֶענְט, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זֵיי. זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער זֶענְט אִיר?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעוֶועלְט שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק צוּ זַיין אִין תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער. דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן גֶעוֶוען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט זֵיי מְגַלֶּה גֶעוֶוען זַיין סֵדֶר הַתְּפִלָּה אוּן זַיינֶע חִיבּוּרִים. גְלַייךְ הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְס זֵייעֶר קֶענִיג.

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי אוּן זֵיי בַּאלוֹיכְטְן, בִּיז עֶר הָאט זֵיי - דוּרְךְ זַיין גְרוֹיס קְדוּשָּׁה - אִיבֶּערְגֶעמַאכְט צוּ זַיין צַדִּיקִים גְּמוּרִים אוּן גָאר גְרוֹיסֶע לַייט!

יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, וֶוען מְ׳הָאט גֶעעֶנְדִיגְט פְּרִי לֶערְנֶען, הָאט יוּדְל גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע עֶר זָאל מִיטְגֵיין מִיט אִים דַאוֶוענֶען בַּיים קֶבֶר פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ. זַיין טַאטֶע הָאט אִים נָאכְגֶעגֶעבְּן זַיין בַּקָּשָׁה. יוּדְל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ שְׁטֶענְדֶער נֶעבְּן דֶעם קֶבֶר, אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן 'יוֹם הַשַּׁבָּת'. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, הָאט עֶר צוּרִיק גֶעמִישְׁט צוּם אָנְהֵייבּ סֵפֶר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן פְּרִישׁ! זַיין טַאטֶע הָאט גֶעזֶען זַיין גְרוֹיסֶע דְּבֵיקוּת בַּיים זָאגְן תְּהִילִים אוּן הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְהַאקְן. עֶר הָאט אַלֵיין וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען בִּיז יוּדְל וֶועט וֶועלְן אַהֵיים גֵיין.

אָבֶער יוּדְל הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אֵיין קַאפִּיטְל



נָאכְן צְוֵוייטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקַייט. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אַ בְּרֵייטְן שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים: "טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ תְּהִילִים!"

קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט עֶר מִיט הִתְלַהֲבוּת דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים אִין כִּתָּה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען. דֶעם נֶעקְסְטְן חוֹדֶשׁ הָאבְּן שִׁמְעוֹן׳לֶע, יַעֲקֹב שְׁמוּאֵל, בֶּערְל אוּן אַבְרָהָם אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן מִיטְצוּקוּמֶען. זַיין טַאטֶע הָאט זִיכֶער גֶעמַאכְט צִי יֶעדֶער הָאט רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן צוּזַאמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן פוּן זֵייעֶר גֶעגְנְט צוּם צִיּוֹן פוּן נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל - דָּוִד הַמֶּלֶךְ.

צוּזַאמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל, זִיךְ מְדַבֵּק גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַרַיינְצוּכַאפְּן הֵיילִיגֶע תְּפִלּוֹת. זֵיי הָאבְּן דֶערְנָאךְ אוֹיךְ אִין כִּתָּה גֶעדַאוֶוענְט שֵׁיין אוּן מִיט אַ הוֹיעֶכֶע שְׁטִימֶע, אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אַרַיינְצוּלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת אִין אַ רִיכְטִיגֶע תְּפִלָּה אוֹיף יֶעדְן עִנְיָן.

אֵיין מָאל הָאט יוּדְל׳ס טַאטֶע גֶערֶעדְט צוּ זֵיי נָאכְן דַאוֶוענֶען אוּן גֶעזָאגְט: "אִיר ווִילְט זַיין אֱמֶתְ׳ע בַּעֲלֵי תְּפִלָּה? גֵייט לֶערְנְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן צַדִּיקִים!"

אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט וואוּנְדֶער, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט.

המשך אויף זייט 8